# דאָס קוילער־געסל

— 1 —

צווישן גרויס־פּוילן און מאַזעוויעץ ציט זיך אַ דרײַעקעדיק שטיק לאַנד. פֿון איין זײַט גרענעצט עס זיך מיט די זאַמדיקע ווײַסל־בערג, וואָס ציִען זיך האַרט בײַ דער זילבערנער ווײַסל־סטענגע אַרום פּלאָצק און וולאָצלאַוועק; צו דער צווייטער זײַט, בײַ ליענשיץ צו, האָט עס אין שכנות די פּראָווינץ קאַיאַווע, וואָס איז פֿול מיט מוראדיקע סודות; און לינקס פֿון דאָרט האָט עס דאָס רײַכע אין פֿאַרבן און טענער „קשיענסטוואָ״ ן לאָוויטש. דאָס שטיק לאַנד, אין וועלכן עס גייען אַרײַן די שטעט: קוטנע, זשאָכלין, גאָסטינין, גאָמבין און נאָך איניקע קליינע שטעטלעך, איז פּראָסט און איינאַרטיק, ווי דער פּויער, וואָס וווינט אין אים. אָרעם אין וואַסער, אָרעם אין וועלדער, ציט זיך דאָרט אויס דער האָריזאָנט גאַנץ ברייט און ווײַט. דאָס אויג האָט אויף גאָר נישט באַזונדערס אָפּצושטעלן זיך: לאַנגע, איינאַרטיקע פֿעלדער, באַוואַקסן מערסטנטייל מיטן אָרעמען ברויט, בלאָנדזשען זיך אויף מײַלן אַוועק. טייל מאָל שנײַדט־דורך די אומענדלעכע, גלײַכע, באַזייטע פֿעלדער אַ ווײַסע סטענגע פֿון אַ פֿורוועג, באַזעצט שיטער מיט וויינענדיקע ווערבעס, וואָס פֿירן פֿון איין שטעטל אין דעם צווייטן אַרײַן. נישט דאָס לאַנד האָט אין זיך די סודות פֿון איר שכנה קאַיאַווע, וואָס מען דערציילט פֿון איר פֿאַרשיידענע לעגענדעס, אַז טויטע נשמות שפּאַצירן איבער אירע שוואַרצע וועגלעך, וועלכע בלאָנדזשען זיך אין די פֿעלדער אַרום, און זיי פֿאַרנאַרן מענטשן אין זומפּן אַרײַן; נישט עס האָט אין זיך די רײַכקייט פֿון פֿאַרבן און טענער פֿון איר שכנה דער „פּרינצעסין פֿון לאָוויטש״, וועלכע האָט אויף איר ערד אַרויסגעגעבן דעם גרעסטן פּוילישן מוזיקער און באַשאַפֿער פֿון דער פּוילישער פֿאָלקס־מאַזורקע — שאָפּען. נאָר פּראָסט און איינאַרטיק איז דאָס פֿעלד און פּשוט איז דער פּויער, וואָס אַרבעט אויף דעם פֿעלד, ווי דער קאַרטאָפֿל, וועלכן עס גיט פֿון זיך אַרויס. נישט עס פּוצט זיך דאָ דער פּויער אין די ווײַסע כאַלאַטן און אין די קאָלירטע הויזן, און באַפּוצט נישט זײַן קאַפּעליוש מיט בענדער און קאָרעלן, ווי דער פּויער פֿון לאָוויטש; און נישט ער פֿאַרנעמט זיך מיט כּישוף־מאַכערײַ, ווי דער פּויער פֿון די „הויכע טאָפּאָלן״ וואָס איז אין „קאַיאַווע״. דער פּויער פֿון דעם פֿעלד איז ווי אַ שטיק ערד, וואָס גאָט האָט אין אים אַ נשמה אַרײַנגעבלאָזן, ווי אַ גייענדיקע ליפּע, וואָס וואַקסט פֿאַר זײַן הויז... ער האַלט זיך בײַ זײַן פֿײַפֿל, פֿון וועלכער ער שפּילט ביז אין דער האַלבער נאַכט לאַנגע ניגונים אָן אַ מאָטיוו, וועלכע הייבן זיך נישט אָן און לאָזן זיך נישט אויס, ווי זײַנע לאַנגע, ווײַטע, גרין באַוואַקסענע פֿעלדער... אַ מענטש איז עס אָן איבערשפּיצלעך. — „אָט אַזוי האָט מיך גאָט באַשאַפֿן״. איז ער גוט, קאָן ער אַוועקגעבן דאָס העמד פֿון לײַב! דערבייזערט מען אים אָבער, וועט ער מיטן לעבן באַצאָלן, אַבי נאָר פֿון יענעם נקמה צו נעמען. ער האָט ליב פֿון דער נאַטור זײַן קי, וואָס עס וווינט מיט אים און וועט עס קיין מאָל נישט שעכטן פֿאַר זײַן אייגן געברויך. נאָר מער פֿון אַלץ האָט ער ליב זײַן פֿערד, שאַנעוועט עס, און וועט עס קיין מאָל נישט באַניצן צו אַ וואָכעדיקער אַרבעט. צום אַקער אָבער וועט ער בעסער די קי מיטן ווײַב אײַנשפּאַנען, נאָר נישט זײַן פֿערד. דאָס פֿערד האַלט ער צום וואָגן אויף זונטיק, צו פֿאָרן אין קירך אַרײַן אָדער אין אַ נאָענטן דאָרף צו אַ חבֿר, צו קאָנען ווײַזן זיך מיט זײַן פֿערד פֿאַר אַנדערע חבֿרים.

דער ייִד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער דאָרטיקער ערד, האָט אין זיך מער פֿעלדגעשמאַק און עפּל־געשמאַק ווי בית־המדרש און מקווה... דאָס לאַנד איז רײַך אין פּאַשע, האָדעוועט דאָרט דער פּויער דאָס פֿי, דעם אָקס מיטן שעפּס. ייִדן קויפֿן עס אויף און פֿירן דאָס פֿי קיין לאָדזש אָדער איבער דער גרענעץ, וואָס איז פֿון דאָרט נישט ווײַט. עס געפֿינען זיך דאָרט צווישן די ייִדן די באַרימטע פֿישערס פֿון די לאָנסקער סטאַוון, וואָס באַזאָרגן מיט פֿיש לאָדזש און די אַרומיקע געגנט אין קאַלישער און אין פּלאָצקער גובערניע. וווּ עס גייט נאָך קיין באַן נישט, געפֿינען זיך די גרויסע פֿורמאַנעס.

# Kola Street

## SHOLEM ASCH

### 1.

THE WESTERN tip of Mazowsze, south of the sandy hills along the bend of the Vistula between Plock and Wloclawek, is a region poor in water and sparse in forests. The horizon extends endlessly, and there is nothing to stop the eye: long monotonous fields stretch for miles and miles, for the most part covered with scanty grain, and only occasionally cut by the white ribbon of a cart road bordered with infrequent weeping willows. This triangular area, which includes Kutno, Zychlin, Gostynin, Gombin, and a number of smaller towns, has none of the mysterious charm of its neighbor, the province of Kujawy, so rich in legends about the souls of the dead that haunt black lanes, wander in the fields, and lure people into the swamps; nor is it as rich in color and in sound as its other neighbor, the Duchy of Lowicz, which gave birth to the greatest Polish composer and creator of the mazurka, Chopin. Flat and monotonous are its fields, and the peasant who cultivates them is as plain as the potatoes they yield. Unlike the peasant of Lowicz, he does not deck himself out in white caftans and brightly colored trousers and hats adorned with ribbons and corals; nor does he go in for witchcraft like the peasant of Tall Poplars in Kujawy. Here the peasant is like a clod of earth into which God has breathed a soul, like the walking lime that grows in front of his house. He never quits his reed, on which he plays, far into the night, long formless tunes that have no beginning and no end, tunes that are like his long, broad, green-covered fields. He is a man without guile—"I am as God made me." When he is friendly he will give you his very shirt; but when he gets mad he will take his revenge, let it be at the cost of his life. He is devoted to his cow, which lives with him, and will never slaughter it for his own use. But above all he loves and cherishes his horse, which he never subjects to daily labor: to plow his field he would yoke his cow or his wife rather than his horse. He saves his horse for Sundays, to drive it to church, and to show it off when he goes to visit friends in a neighboring village.

The Jew native to this region partakes more of the flavor of wheat and of apples than of the synagogue and the ritual bath. The land is rich for grazing: the peasant breeds cows and oxen and sheep, and the Jew buys them from him to take them to Lodz or across the German border, which is nearby. Among the Jews there are the renowned fishermen of the Lonsk ponds, who supply fish to Lodz and the surrounding country in the Kalisz and Plock areas; the sturdy teamsters who take Litvaks to the frontier where the railway has not yet penetrated; and the big horse-dealers who sell the horses bred and nurtured by the peasants to Germans coming from Torun and Berlin. The poor Jews rent orchards from the peasant for the summer; in the winter they wash his pelts in the town pond and take them to the fair in Lowicz or Gombin. Throughout the week the Jew stays in the village, sharing the peasant's life. For the Sabbath he comes to town to attend services at the Three-Trade Synagogue, where fisherman, cattlemen, and teamsters divide the honors among them, and where they discuss the events of the week. On Saturday, after the Sabbath meal, they go into the field, where the horses are fed and the boys play games. After sunset they settle on benches in front of the houses, watch the promenading servant girls, and tell stories.

economy inextricably bound up w/ peasantry + the Polish countryside

פֿישערס
פֿורמאַנעס

1

וועלכע שטעלן־צו די ליטוואקעס צו דער גרענעץ. דער פויער האדעוועט דאס פערד און שאנעוועט עס. געפינען זיך דארט די גרויסע יידישע פערדהענדלערס, וואס שטעלן־צו סחורה פארן „דייטש“, וועלכער קומט־אראפ פון טוירן און בערלין. די ארעמע יידן דינגען ביים פויער איבערן זומער דעם פרוכטגארטן אפ. ווינטער וואשן זיי פאר אים די פעלצלעך אין שטאטסטאוו, און פירן עס אויף די יארידן קיין לאוויטש אדער קיין גאמבין. דער ייד איז די גאנצע וואך אין דארף, וווינט מיטן פויער און לעבט מיט אים צוזאמען. אויף שבת קומט ער אין שטאט אריין, צו דער חברה „דריי פייען“ (פישערס, פליישערס, פורמאנעס) דאוונען. דארט טיילט מען זיך כיבודים און מען דערציילט מעשיות פון א גאנצער וואך. שבת נאכן עסן גייט מען אויפן פעלד, ווו מען פיטערט די פערד און ווו יונגען שפילן אין „פאלענט און באלעם“. און פאר נאכט זעצט מען זיך אויף די בענק פאר די הייזער און מען קוקט אויף די דינסטמיידלעך, וואס גייען שפאצירן, און מען דערציילט זיך ווייטער מעשיות.

*

אין איינעם פון די אויבן דערמאנטע שטעטלעך איז געווען א געסל, וואס מען האט גערופן דאס קוילער־געסל. קויל איז א שטעטל דערנעבן און דאס געסל ליגט אויפן טראקט, וואס קומט־אן פון זשאכלין און פירט דורך קראשעוויץ קיין קויל. די חברה דריי פייען האבן זיך געפונען אין קוילער־געסל. דאס קוילער־געסל איז נישט געווען אין גלות. דארט האט מען יידן נישט געשלאגן. האט זיך עפעס געמאכט א נאך־סוכות, ווען רעקרוטן זיינען אדורכגעגאנגען דורכן שטעטל און האבן אנגעהויבן אנצוגעבן, האבן זיך געפונען חברה־לייט, די דישלען האט מען פון די וועגענער ארויסגענומען, פרענטעס אייזן האט מען פון די לאדנס אפגעריסן, ביימער וואס וואקסן פאר די טירן האט מען פון דער ערד ארויסגעריסן און מיט דעם אין גאס אריין — ווייזן: ווער איך בין!

דאס בית־המדרש־געסל, ווו דער רב וווינט מיט די שוחטים און אלע מלמדים, און ווו עס איז די מקווה מיטן שעכטהויז פאר עופות, האט זיך געשעמט מיטן קוילער־געסל: „גראבע מענטשן, קצבים, פישער־יונגען!“... און כאטש דאס בית־המדרש־געסל האט אין גאנצן נאר געלעבט פון דעם כבוד־יום־טוב־געלט, וואס דאס קוילער־געסל פלעגט דארט אהין אריינשיקן, און כאטש וואס עס זאל זיך נישט מאכן אין שולגעסל — דער שעפער רייצט דעם הונט אן אדער א שיכורער גוי שלאגט — פלעגן יידן, גרויס ווי קליין, קומען צו לויפן אין קוילער־געסל אריין: „גוואלד, א גוי שלאגט!“... דאך, אין הארצן האבן זיי עס אין גאנצן מבטל געווען: גאר נישט מעשה ייד האבן זיי זיך געזאגט: „און אז משיח וועט קומען, וועלן זיי דאך מוזן אנקומען צו אונדז!“... די „פיינע מענטשן“ פון דער ברייטער גאס, א ר׳ ברכיה ליכוויארש, למשל, האט גאר נישט „געהאלטן“ פון זיי: „ווילדע ברואים, זאגן אלעמען „דו“. נאר מען דארף א מאל די שקצים מחמת שלום וועגן, ווען די רעקרוטן גייען דורך, אז זיי זאלן נישט די שויבן אויסהאקן“...

אמת איז, אז אויך דאס קוילער־געסל האט זיך נישט שטארק געחברט מיט די מיוחסים פון די אנדערע געסלעך. זיי פלעגן זיי רופן: אויסגעווייקטע יידן. נאר אז עס האט זיך געמאכט, ווען מען האט געדארפט עפעס צום הימל, ווי א קוויטל שרייבן פאר א קראנק קינד צום רבין אדער א קאפיטל תהילים זאגן (צו דעם קיין גרויסע בריות זיינען זיי שוין נישט), האבן זיי געמוזט אנקומען צום בית־המדרש־געסל. פלעגט קומען ראש־חודש אלול, דעמאלט איז דאס קוילער־געסל גאר געווארן ווי א כושל פארן בית־המדרש־געסל. מען האט דרך־ארץ געהאט פארן קלענסטן ייד פון בית־המדרש־געסל: פון משה רבינוס גווארדיע — האבן זיי אים גערופן. און ערב יום־כיפור איז פאר דער טיר פון דער שול געלעגן אויסגעצויגן א הויכער געזונטער ייד, א בעל־עגלה אדער א פישער, און דאס בית־המדרש־געסל האט פאר גאט און הימל מיט א פאסיק מלקות געטיילט דעם קוילער־געסל...

*

In one of these towns there was a street called Kola Street, so named because it lies on the road that leads from Zychlin to the neighboring town of Kola. The Three-Trade Synagogue was in Kola Street. This street was not in the Diaspora; as it were, there no Jew was ever beaten. If it happened that recruits passing through the town in the fall began to riot, members of the congregation would take matters into their own hands: armed with shafts torn from carts and iron bars wrested from shutters, they would go out into the streets and teach the hooligans a lesson.

The street of the scholars, the street where live the rabbi and the teachers, and where the bathhouse and the poultry slaughtering yard are situated, felt very much ashamed of Kola Street: "They're illiterates, butchers, fishmongers!" The scholars lived entirely on the festival money contributed by Kola Street; and whenever they were in trouble—whenever, for instance, a shepherd set his dog on a Jew or a drunken peasant started a row in their street—Jews, young and old, would run to Kola Street, crying for help. Nevertheless, at heart, the scholars condemned the Kola Street crowd. "Not at all like Jews," they would say to one another, "and when the Messiah comes, they will come to us for help." The upper-class people of Broad Street, such as Reb Berachiah the moneylender, also had the greatest contempt for them: "Savages, with no manners at all! But we need this rabble sometimes—for instance, to keep the recruits quiet and to stop them from smashing our windows."

Kola Street reciprocated the feelings of the gentry in the other streets, whom they called limp rags—"Jews soaked in water." But when they needed to appeal to heaven—to write a petition to a rabbi to pray for a sick child or to recite the Psalms (they were not too good at it themselves), they had to depend on the scholars. When the High Holy Days were close at hand the Kola Street crowd treated the scholars with the greatest respect—"Moses' bodyguard," they would call them. Sometimes, on the eve of Yom Kippur, a tall vigorous Jew, a teamster or a fisherman, would lie prostrate on the threshold of the synagogue, and then the street of the scholars scourged Kola Street in the sight of God in Heaven.

אין קוילער־געסל איז געשטאַנען געבויט אַ הויז: פֿון האָלץ, פֿון איין שטאָק, מיט לאַנגע בענק פֿאַר דער טיר, וואָס מען האָט עס גערופֿן אויף דער באַנק, וואָרעם דאָרט זײַנען חבֿרה זיך צוזאַמענגעקומען און פֿאַר דער טיר זיך געזעצט. אין דעם הויז האָט געוווינט ר׳ ישׂראל זשאַכלינער. ר׳ ישׂראל איז געווען דער עלטסטער און מכובדסטער פֿון אַלע אײַנוווינערס אין קוילער־געסל. ער איז געווען אַ ייִד אַ זקן, אַ זיבעציק־יעריקער. דאָך איז ער געגאַנגען נאָך אָן אַ שטעקל און האָט נאָך קייןברילן נישט געטראָגן — אַ רעשטל פֿון פֿאַרצײַטיקע יאָרן, ווען אַ קווערטל אָקוויט האָט אַ פֿינפֿער געקאָסט. אַז ר׳ ישׂראל פֿלעגט זיך אַ צוויי שעה אַרומיאָגן נאָך אַן אָקס, וועלכער האָט זיך פֿון שטריק אָפּגעריסן, און פֿלעגט אים צום סוף בײַ די הערנער אָנכאַפּן, אַזוי אַז דער אָקס האָט זײַן שווערן נאַקן געבויגן פֿאַר אים, פֿלעגט ער קרעכצן מיט אַ געלעכטערל:

— ע, נישטאָ די פֿאַרצײַטיקע כּוחות!...

ער איז געווען אַ גרויסער פֿיהענדלער, וועלכער האָנדלט מיטן דײַטש אין די טויזנטער אַרײַן, און קויפֿט־אויף דאָס גאַנצע פֿי אין דער אַרומיקער געגנט. ווי אַ מענטש, וואָס האָט פֿון זיך געלאָזט אַ גראָשן פֿאַרדינען, האָבן אים אַלע, ייִדן ווי גויִם, שטאַרק כּבֿוד אָפּגעגעבן. בײַ אים האָבן זיי געהאַט דאָס געלט שטיין. בײַ אים האָבן זיי געלט געבאָרגט, ווען עס איז אויסגעקומען, און צו אים זײַנען זיי געקומען שואל עצה זײַן און אויסגלײַכן זיך. און דאָס, וואָס ר׳ ישׂראל האָט געזאָגט, איז, ברודער, געווען געזאָגט. ר׳ ישׂראל האָט געקאָנט טיילן פּעטש דעם גרעסטן, שטאַרקסטן „ווילן יונג״ (אַז עס איז אויסגעקומען). ר׳ ישׂראלן וועט מען נישט אַנטקעגנריידן. האָט עס אַ ייִד געוואָגט, האָט ער געקאָנט געהרגעט ווערן אויפֿן אָרט פֿון קוילער־געסל. בײַ ר׳ ישׂראלן אין הויז האָלטן

זיך אויף אַלע יונגען און שקצים פֿון קוילער־געסל — טרײַבן די אָקסן קיין לאָדזש אָדער צו דער גרענעץ. אין די שטאַלן, ווו עס זײַנען געשטאַנען די פֿערד, אָקסן און שעפּסן, האָבן חבֿרה גענעכטיקט. עסן איז בײַ ר׳ ישׂראלן פֿרײַ און אָפֿן געווען פֿאַר אַלעמען. תּמיד איז דאָס ברויט מיט פּוטער אויפֿן טיש געשטאַנען — אַרײַנגעקומען, אָפּגעשניטן אַ המוציא און געגאַנגען זיך זײַן וועג. דאָס הויז האָט זיך געבאָדן אין שפֿע: קי, אָקסן, פֿערד, ציגן, שעפּסן, גענדז און יונגען מיט שקצים. בײַ ר׳ ישׂראלן איז אַלץ געשטאַנען אָפֿן. דאָ וועט מען, ברודער, נישט גנבֿענען: געהרגעט אויפֿן אָרט וואָלט מען געוואָרן. האָט מען וועמען געטאָן אין שטאָט אַן עוולה, איז מען זיך געקומען קלאָגן פֿאַר ר׳ ישׂראלן, און ר׳ ישׂראל איז אַרויסגעגאַנגען און געטיילט פּעטש. אַמאָל האָט דער ייִד, דער חסיד וואָס האַלט די פּראָפּינאַציע [3] בײַם פּריץ פֿון שטאָט, געמאַכט אַ רעוויזיע בײַ אַ ייִדענע אַן אַלמנה אין אַ פֿרײַטיק פֿאַר נאַכט. מ׳האָט געפֿונען בײַ איר אָקוויט און געלאָזט אַרײַנזעצן זי אין קאָזע [4]. איז מען געקומען צו לויפֿן צו ר׳ ישׂראלן. ר׳ ישׂראל נעמט דעם שטעקן אין דער האַנט און גייט אין גאַס אַרײַן, טרעפֿן זיך מיטן ייִד דעם חסיד:

— לאָז־אַרויס די אַלמנה פֿון דער וואַך, זאָג איך דיר!

— ר׳ ישׂראל, זאָגט אַליין, זי נעמט מיר אַוועק מײַן פּרנסה.

מער האָט ר׳ ישׂראל נישט גערעדט. אַהיימגעקומען פֿון גאַס, און צוויי יונגען זײַנען שוין אַרײַן צום פּראָפּינאַטאָר אין שענק מיט די שטעקנס אין די הענט. האָבן געגעבן אַ נעם צוויי טונען מיט שפּירט, אַרויסגעדרייט די קראַנען און אַרויסגעשטעלט זיי פֿאַר דער טיר: שעפּט ווער עס וויל! האָבן ייִדן געהאַט אַ שבת מיט בראָנפֿן, אַז מען האָט זיך אין די גאַסן אַרומגעוואַלגערט שיכּור. און אים, דעם פּראָפּינאַטאָר, האָט מען נאָך די אויגן אונטערגעהאַקט און צוגעזאָגט אים: אויף דער צווייטער וואָך צו פֿאַרבעסערן — און גיי, שרײַ חי וקים!

קומט־אַרײַן אַ יונג אין שטוב בײַ ר׳ ישׂראלן און שטעלט זיך אַנידער בײַ דער גרויסער שאַנק.

— וואָס ווילסטו, שנײַדערקאָפּ? — גייט־צו צו אים ר׳ ישׂראל און קלאַפּט אים איבערן פּנים. — שלאָגסט די מאַמע, זאָגט מען

In Kola Street there stood a one-story house built of timber. It was known as The Benches, because of the long benches in front of it, on which the Three-Trade congregation used to sit. Israel Zychlinski lived in that house.

Reb Israel was the oldest and most respected inhabitant of Kola Street. He was a man in his seventies, yet he walked without a stick and did not wear glasses—a survival of bygone days when a five-kopeck coin could buy a quart of brandy. When a bull broke loose from his rope and Reb Israel, after chasing him for a couple of hours, finally caught him by the horns and bent the bull's mighty neck, he would groan and say with a little laugh, "Eh, my old strength is gone." He was an important cattle-dealer who bought up all the cattle in the surrounding country and sold it to the Germans by the thousand. Because he was a man who did not begrudge the other fellow his share, everybody, Jew and gentile, treated him with great respect. To him they gave their money for safekeeping, from him they borrowed money when they needed it, and to him they came for advice and to have their quarrels settled; and what Reb Israel said—that was final. Reb Israel could, if necessary, slap the face of the biggest and strongest tough. No one would dare disobey him. If anyone did, Kola Street might kill him on the spot. The ox-drivers who took the cattle to Lodz or to the German frontier always stopped at Reb Israel's, spending the night in the stables with the horses and cows. Food in his house was free for everyone. There was always bread and butter on the table—you came in, helped yourself, and went on your way. There was an abundance of everything—cows, oxen, horses, goats, sheep, geese, and helpers, Jews and gentiles. Nothing in Reb Israel's house was under lock—here no one would steal: that would mean death on the spot. When anyone was wronged in the town he came to Reb Israel to complain, and Reb Israel went out and slapped faces right and left.

One day the Hasid who was licensed to sell spirits had the house of a Jewish widow searched on a Sabbath eve. Brandy was discovered there, and the woman was thrown into jail. Reb Israel was summoned to intervene in her behalf. He took a stick and went to talk to the Hasid.

"Get the widow out of jail."

"Reb Israel, she is robbing me of my daily bread!"

Reb Israel said no more. He went home and sent two of his helpers to the tavern with sticks in their hands. They took two barrels of spirits, put them outside the shop, and opened the taps—help yourself, get your fill! And Jews had a Sabbath until they rolled in the streets. As for the licensed tavernkeeper, he got a black eye into the bargain and was promised more of the same next week—and he couldn't do a thing about it either.

One day a tough young fellow entered Reb Israel's house and stood there by the big wardrobe.

"What do you want?" said Reb Israel, going up to him and smacking him across the face. "I hear you think you're tough. You beat your

מיר, דו, ווילער יונג איינער! ווער האָט דיר ביז איצט צו פֿרעסן געגעבן? און אַז אַן אַנדערער זאָגט איר אַ וואָרט, נעמסטו צו אים אַ מעסער אַרויס!

— ר׳ ישׂראל, עס איז מײַן מאַמע, איך מעג. דאָס איז מײַן מאַמע, אָבער אַ פֿרעמדן — אַ מכּה. די בעבעכעס וועל איך אים אַרויסנעמען! נישט רעכט, ר׳ ישׂראל?

— און וואָס ווילסטו, צירעלע?

— דער דרייקאָפּ, דער חסיד, וואָס האָט דעם נאַפֿט־סקלאַד[5], וויל מיר געבן אַ רויטן קאַרפֿנקאָפּ, אַז איך זאָל בײַ נאַכט אַריבער איבערן פּלויט צו זײַן קאָנקורענט, יאָסקעס אײדעם, און זאָל אים אַ חתונה אָפּשפּילן מיט די פֿעסער נאַפֿט.

— וועל איך דיר דעם קאָפּ צעשפּאַלטן. דעם רויטן קאַרפֿנקאָפּ נעם און טראָשעַ[6] אים אַ ביין אונטער!

— וויל ער דאָך דעם קאַרפֿנקאָפּ פֿרײַער נישט געבן.

— זאָג אים, אַז ער זאָל אים בײַ מיר אײַנלייגן, און דו גיי אַהין צו יאָסקעס אײדעם, ער זאָל צו מאָרגנס מאַכן אַ גוואַלד, אַז מען האָט אים די פֿעסער אויפֿגעעפֿנט. איך וועל דיר דעם רויטן אַרויסגעבן, און, דערנאָך, אַז דער דרייקאָפּ וועט דיר עפּעס פֿאַרוואַרפֿן, האַק אים נאָך די ציין אויס!

אַהיימגעקומען אַ ייִד ווי ר׳ ישׂראל פֿרײַטיק פֿאַר נאַכט פֿון וועג, האָט ער זיך געגעבן אַ זעץ־אַנידער פֿאַר דער טיר אויף דער באַנק מיט אַ פֿולער קעשענע קליינגעלט און גאָט געבעטן אין האַרצן: „טאַטע, שיק מיר צו ייִדן, וואָס דאַרפֿן אויף שבת"... און איז נישט אַרײַן אין שטוב, ביז ער האָט נישט די קעשענע קליינגעלט אויסגעטיילט אַרעמע־לײַט. אָפּגעוואַשן זיך, אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, און געגאַנגען אין דער חבֿרה „דרײַ פֿייען" צו קבלת־שבת. אורחים, וואָס זײַנען געגאַנגען אויף דער מדינה, זײַנען דווקא אין דעם שטעטל אָפּגעשטאַנען איבער ר׳ ישׂראלס שבת. דער טעם פֿון ר׳ ישׂראלס קוגל ליגט זיי אַ גאַנץ יאָר אין מויל. די חבֿרה איז תּמיד פֿול געווען מיט אורחים. ר׳ ישׂראל האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אַנידער בײַ דער טיר מיט די אורחים וואַרטן, וויפֿל עס וועט אי־בערבלײַבן — קיין שום ייִדן האָבן נישט ליב אַזוי אורחים אַהיימצו־נעמען אויף שבת, ווי קצבֿים און פֿישערס — און וויפֿל עס זײַנען איבערגעבליבן, האָט ר׳ ישׂראל מיט זיך מיטגענומען. נישט איין מאָל איז אויסגעקומען, אַז דער שמש פֿון דער חבֿרה „דרײַ פֿייען" האָט אויסגערופֿן: „דרײַ גילדן אַן אורח", ווי מען פֿאַרקויפֿט די עליות אין דער שול. אַזוי פֿיל בעלנים זײַנען געווען אין דער חבֿרה „דרײַ פֿייען" אויף אורחים. צו מאָרגנס אין דער פֿרי נאָכן דאַווענען האָט זיך דער רבי פֿון דער חבֿרה אַנידערגעשטעלט און געלערנט מדרש פֿאַר דער חבֿרה. ר׳ ישׂראלן האָבן זיך געוויזן טרערן אין די אויגן. דערנאָך האָט ער אַהיימגעבעטן דעם עולם צו זיך אויף קי־דוש. און בשעתן לחיים האָט ר׳ ישׂראל געקלאַפּט מיט דער פֿויסט אין טיש:

— טרינקט, ייִדן, אונדזער טאַטע יעקבֿ! אונדזער רבי משה!

די שטוב האָט געציטערט פֿון די זעץ מיט די פֿויסטן אין טיש אַרײַן.

ר׳ ישׂראל האָט געקאָנט מעבֿיר זײַן די סדרה, און אין רשי געווען היימיש דאָרט, ווו ער „טשעפּעט" נישט תּרגום־ווערטער. רשי האָט ר׳ ישׂראל ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער רשי איז עפּעס אַ נאָענטער קרובֿ, וואָס קער זיך אָן מיט אַלע ייִדן אין משפּחה. און נאָך אַ ייִדן האָט ר׳ ישׂראל ליב געהאַט: דאָס איז געווען דוד המלך. זײַנע קאַפּיטלעך תּהילים צעגייען זיך דאָך אין די אבֿרים פֿאַר זיסקייט — און גלאַט אַ ייִד דוד המלך. דיר דאַכט זיך, אַז דו גייסט־אַרויס אויף דער גאַס, און דו טרעפֿסט דוד המלכן, גיסט אים אָפּ שלום עליכם:

— שלום עליכם אַ ייִד, דוד המלך!

— ווי גייט עס?

און מען הייבט־אָן צו שמועסן פֿון מאַרק...

אַז בײַ ר׳ ישׂראלן איז אויפֿגעוואַקסן געוואָרן אַ טאָכטער, איז ער אַרונטערגעגאַנגען צום רבֿ:

— רבי, קלײַבט מיר אויס פֿון אײַערע בחורים אַן אײדעם פֿאַר מײַן קינד!

mother. Don't you know who feeds you? And yet, if somebody else says a word to her, you're ready with a knife!"

"Reb Israel, it's my mother. I can beat her—she's *my* mother. But a stranger better watch out. I'll tear him to pieces. Isn't that as it should be, Reb Israel?"

"And what have you come for, Zirel?"

"Screwface, the Hasid who keeps the oil store, offered me a gold piece to climb the wall at night and have some fun with the oil barrels belonging to his competitor, Yoske's son-in-law."

"I'll break your head if you do. Take the gold piece and then do nothing."

"But he won't give me the gold piece before I've done the job."

"Tell him to deposit it with me. Then go to Yoske's son-in-law and tell him to raise a cry tomorrow, pretending that his barrels were opened. I'll give you the gold piece, and if Screwface has anything to say, knock his teeth out."

Every Friday evening Reb Israel, on returning home from the road, sat down on the bench in front of his house, with his pocket full of coins, and prayed to God in his heart: "Father, send me Jews who need money for the Sabbath." And he did not go in before distributing all his change among the poor. Then he washed himself, put on his best caftan, and went to the Three-Trade Synagogue to welcome the Sabbath. Wandering beggars took good care to stop in the town for the sake of Reb Israel's Sabbath—the taste of his *kugel* made their mouths water for the rest of the year—and the congregation was always full of them. Reb Israel would post himself at the door with the crowd of beggars—no Jews love having a poor man as guest for Sabbath more than cattlemen or fishermen—and took home all who were left over. The *shammes* of the congregation would call out, "Three gulden for a guest," auctioning them off just as he auctioned off the privilege of reading from the weekly chapter of the Torah in the synagogue—so many members of the congregation were eager to take a guest home. Next morning, when the rabbi expounded the *midrash* to the congregation, Reb Israel listened to him with tears in his eyes, and after the service he invited the worshipers to his home to toast the Sabbath over a glass of brandy. And while they drank one another's health he banged his fists on the table, urging them, "Drink, Jews! To our father Abraham! To our teacher Moses!" The whole house shook from the blows of his fist on the table.

Reb Israel could read his chapter of the Torah, and he was at home in the commentary of Rashi when it was free from Aramaic words. Reb Israel loved Rashi with all his heart, looking upon him as a near relative, a member of the family of all Jews. And there was another Jew whom Reb Israel loved—King David. His Psalms are so sweet that they melt every limb in your body—and he is just a Jew, King David is. Reb Israel could imagine meeting him in the street and exchanging greetings with him—"How do you do, King David?" "How are you, Reb Israel?"—and then talking with him about the market.

Whenever a daughter of Reb Israel reached marriageable age, he went to the rabbi and said, "Rabbi, choose a son-in-law for me from among your pupils."

גענומען דעם איידעם, אַוועקגעזעצט אין זײַן הויז אויף כּל־ימיו: נאַ דיר דײַן עסן, דײַן טרינקען, דײַן שבת־בגד און דײַן טאַשנגעלט, און דו לערן מיר אין דער הייליקער תּורה.

פֿאַר די איידעמס מיט די גרויסע גמרות פֿלעגט דער ייִד אַזוי דרך־ארץ האָבן, אַז אויף די נעגל איז ער פֿאַר זיי געגאַנגען. פֿון דעם טײַערסטן און בעסטן האָט ער פֿאַר זיי באַהאַלטן. אַז ער פֿלעגט הערן, ווי דער קול־התורה קלינגט־אָפּ אין זײַן שטוב, האָט זיך דער אַלטער ייִד ווי אַ קינד צעוויינט פֿאַר שׂמחה.

*

זינדלעך האָט ער געהאַט, ר׳ ישׂראל — ריזן. זשאַכלינסקיס גוואַרדיע האָט מען זיי גערופֿן. זיי זײַנען שוין קיין לערנקינדער נישט געווען. זיי אַלע איז איבערגעגאַנגען ר׳ ישׂראלס בן־זקונימל נאָטעלע. נאָטע איז געווען אַ בחור, וואָס האָט געגעבן אַ גיי־אַרויס אין דער פֿרי מיט באָרעקן, זײַן הונט, מיט באַשקען, זײַן שעפּס, און מיטן פֿײַפֿער. אַ טויב איז אים געשטאַנען אויפֿן אַקסל. די גאַס האָט געציטערט פֿאַר אים. מיטן שטרויענעם היטעלע אויף דער שפּיץ גזשיבע [7] און מיט דער בלײַענער בײַטש אין דער האַנט, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל־אַנידער פֿאַר דער טיר און אָנגעהויבן צו פֿײַפֿן אויף זײַנע טויבן, וועלכע האָבן זיך אין אַ ראָד געהויבן איבער זײַן קאָפּ. די יוזעפֿע האָט אים דעם בולאַן פֿון שטאַל אַרויסגעפֿירט: איז ער נישט געווען ריין אויסגעפּוצט אָדער די האָר פֿאַר דער גזשיבע זײַנען נישט געווען פֿאַרקעמט מיט די טראָלדלעך, האָט ער איר געגעבן אַ פֿײַף מיט דער בײַטש איבערן לײַב, אַז דאָס יונגע געזונטע בלוט האָט געגעבן אַ שפּריץ פֿון דער פֿולער רויטער האַנט.

די יוזעפֿע איז געווען אַ דינסט בײַ ר׳ ישׂראלן, אַ שיקסע, וואָס מען האָט זי געבראַכט פֿון דאָרף און זי איז פֿאַרבליבן בײַ ר׳ ישׂראלן אין הויז שוין לעולם ועד. געזונט — אײַזן: זי פּאַסט־אַרײַן אין דער משפּחה. אין הויז איז זי אַ גאַנצער בן־בית, מישט זיך אַרײַן אין געשפּרעך, גיט עצות און בייזערט זיך, אַז עס געפֿעלט איר עפּעס נישט. נאָטע קאַטעוועט זי, טייל מאָל מוראַדיק — זי וועט זיך קיין ברוגז נישט מאַכן, גיט זיך אַ וואָרף אַריבער די לאָקן איבער די אויערן און גיט זיך אַ שטעל־אַנידער:

— דו קאַטעווע, אַז עס ווילט זיך דיר!

און אין אַ האַלבער שעה אַרום, אַז זי האָט אים אויפֿן פֿערד דערזען, האָט זי זיך געגעבן אַ שטעל־אַרויס פֿאַר דער טיר, פֿאַרלייגט די הענט הינטער די באָקעס [8], און די אויגן האָבן אַרויסגעשמייכלט פֿון הינטער די רויטע, בלויע פֿלעקן, וואָס ער האָט איר אויפֿן פּנים אָנגעמאַכט: ווי דאָס רײַט זיך אויפֿן פֿערד!

אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זי גערופֿן מיטן פֿינגער. זי האָט זיך צו ערשט נישט הערן געמאַכט. דערנאָך איז זי ברוגזלעך צוגעגאַנגען און פֿויל גענומען די לייצעס אין די הענט אַרײַן.

ער האָט צו איר אַ ווונק געגעבן און איז אַרויף אויפֿן בוידעם צום טויבנשלאַק.

זי האָט פֿלינק דאָס פֿערד אין שטאַל געפֿירט. אויף דער שוועל פֿון שטאַל טרעפֿט זי די סטרוזשקע [9], וועלכע פֿרעגט זי:

— ווער האָט עס דיר געמאַכט אַזעלכע שיינע פֿלעקן אויפֿן פּנים?

— דעם וואָס האָט זיך געגלוסט, און דיר אַ מכּה! — דערבײַ האָט זי איר געוויזן אַ פֿײַג, און איז פֿלינק אַרויף צום טויבנשלאַק נאָך נאָטען.

נאָטע האָט געהאַט אַ טויבנשלאַק. דער בוידעם, אויף וועלכן עס ליגט דער האָבער פֿאַר די פֿערד, האָט שוין געהאַט אַ טראַדיציע פֿון אַ טויבנשלאַק, אַז ווו מען זאָל נישט די טויבן אַוועקפֿירן און אָפּלאָזן זיי — קומען זיי צוריק צו פֿליִען און שטעלן זיך דאָרט אויפֿן דאַך. אויף דער צווייטער זײַט שטאָט האָט געוווינט אַ גוייִשער בעקער, האָט ער אויך געהאַט אַ טויבנשלאַק. נאָטע מיטן בעקער האָבן געפֿירט אַ באַשטענדיקע מלחמה. נאָטע האָט אַרויסגעלאָזט זײַנע טויבן, דער בעקער — זײַנע. פֿלעגט טרעפֿן, אַז איין פּאַרטיע האָט פֿון דער צווייטער אַ טויב אַוועקגענומען. עס איז געקומען אַ

He took the son-in-law and set him up in his own house for the rest of his life. "Here is your food and your drink, your Sabbath clothes and your pocket money, and you, study the holy Torah!"

His sons-in-law with their great volumes of the Talmud inspired him with such awe that he walked on tiptoe before them. He reserved for them the best and most precious of his possessions, and when he heard the voice of the Torah resounding in his house the old man wept for joy.

Reb Israel's sons were real giants. "Zychlinski's bodyguard," they were called—and they were no scholars either. But Notte, the son of his old age, was stronger than any of them. Notte was a strapping young fellow who went out in the morning with Burek his dog, and Bashke his sheep, and his whistle. A pigeon perched on his shoulder. The whole street trembled before him as he stood in front of his house with his straw hat tipped rakishly on his head, his riding crop in his hand, whistling for his pigeons, which circled over his head. Josephine brought his horse from the stable; if it was not groomed to perfection, or if the mane was not well combed and braided with straw, he gave her a slash with his crop, so that her young blood spurted from her full red hand.

Josephine was a servant, a gentile girl who had been brought from the village and had been in Reb Israel's house since her childhood. Strong as iron, she fitted into the household; she was one of them, took part in discussions, gave her opinion, and voiced her displeasure when she did not have her way. Notte maltreated her, sometimes cruelly, but she never held a grudge against him for that. She would toss her head and stand defiantly. "Go ahead, hit me if you feel like it."

Half an hour later, when she saw him on his horse, she walked out in front of the house and stood with arms akimbo, her eyes smiling through the red and blue welts he had left on her face. "There's no rider like him!"

When he returned he beckoned to her with his finger. She at first pretended not to see, then she went up, pouting, and lazily took the reins. He winked at her and went up to the attic, to his pigeon cote. She briskly led the horse to the stable.

In the doorway she ran into the caretaker's wife, who asked her, "Who's marked your face up for you?"

"What's that to you? Whoever did it, did it." Josephine thumbed her nose at her and quickly followed Notte upstairs.

Notte kept a pigeon cote. The attic in which the oats for the horses were stored was traditionally used as a pigeon cote; wherever the pigeons were taken, on being set free they always flew back to the attic and settled on the roof. The gentile baker at the other end of the town also had a pigeon cote, and Notte and the baker were continually

„זי“ פֿון דער צווייטער פּאַרטיע און האָט אָנגעהויבן קאָמפּלימענטן צו מאַכן, און אָנריידן דעם „ער“, אַז ער זאָל מיט איר מיטפֿליִען אין איר טויבנשלאַק.

צו דעם האָט געדינט די חבֿרה. נאָטע האָט געהאַט זײַן חבֿרה יונגען און שקצים, וואָס האָבן גענעכטיקט בײַ אים. דער בעקער האָט געהאַט זײַן קאָמפּאַניע בעקער־שקצים. האָט איין פּאַרטיע געבראַכט אַ טויב פֿון דער צווייטער, איז געוואָרן אַ שמחה, אַזוי ווי מען וואָלט די וועלט אײַנגענומען, און די צווייטע פּאַרטיע איז אַרומגעגאַנגען מיט די קעפּ אַראָפּגעלאָזן, קלערנדיק ווי נקמה צו נעמען. דורך דעם פֿלעגן אַרויסקומען געשלעגן צווישן נאָטעס און דעם בעקערס קאָמפּאַניעס, אַז גאָט דער איינציקער זאָל אָפּהיטן.

— 2 —

עס איז געווען אַ זומערדיקער פֿרײַטיק נאָך מיטאָג. ר׳ ישׂראל איז ערשט פֿון וועג אַהיימגעקומען. קאַמיזע דער פֿערדיונג האָט געפֿירט די פֿערד צום פּלומפּ אָנטרינקען. די יוזעפֿע נעמט די זאַכן פֿון וואָגן אַראָפּ. צווישן זיי שלעפּט זי אַראָפּ פֿון דער פֿור אַ גאַנדז, אָן אינדיטשקע אָדער אַ זעקל מיט פֿיש, וואָס ר׳ ישׂראל האָט געקויפֿט אויפֿן וועג, אַהיימברענגען אויף שבת. פּלוצלינג גיט אַ יונג אַ שפּרינג־אַרײַן אין הויף, לייגט־אַרײַן צוויי פֿינגער צווישן די ליפּן און אַ פֿײַף האָט אַ ציטער געטאָן אין אויער: פּיס־ס!

— וואָס איז, ממזר? — האָט נאָטע געפֿרעגט, אַרויסקומענדיק אויפֿן הויף מיט דער באַשקע.

— דער בעקער האָט די טויבן זײַנע אַרויסגעלאָזט. די גאָלומביצע [10] שטייט אויפֿן דאַך בײַם ראָטהויז.

מיט צוויי שפּרונגען איז נאָטע אַרויף אויפֿן בוידעם, אויפֿגעעפֿנט דעם טויבנשלאַק און אַרויסגעלאָזט די טויבן.

מיט דער בײַטש, און אַרומגערינגלט פֿון חבֿרה־יונגען, איז נאָטע אין גאַס אַרויס. קעגן איבער, אויף דער צווייטער זײַט מאַרק, איז געשטאַנען דער בעקער מיט זײַן חבֿרה מיט שטעקנס אין די הענט, און איבערן מאַרק, טיף אין די וואָלקנס, האָבן זיך טויבן געבאָדן מיט זייערע לײַכטע, פֿאָכעדיקע פֿליגלען אין צוויי באַזונדערע סטאַדעס. איין סטאַדע איז טייל מאָל אַרײַנגעפֿלויגן אין דער צווייטער. זיי האָבן זיך אויף אַ מינוט צוזאַמענגעמישט. באַלד האָבן זיי זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט, אַ מאָל אַראָפּקומענדיק נענטער אין מאַרק אַרײַן און אַ מאָל נעמענדיק זיך טיף אין דער הייך. מאַכנדיק אייניקע הקפֿות איבערן מאַרק, האָבן זיך די טויבן אויף די דעכער צעשטעלט. אויך אויף אַ דאַך איז געשטאַנען אַ טויב באַזונדער ווי אָן אַרויסגעשטויסענע פֿון דער מחנה. באַלד איז צו איר צוגעפֿלויגן אַ טויב פֿון נאָטעס סטאַדע און האָט זיך אָנגעהויבן מיט איר צו סודען. אין נאָטעס פּאַרטיע האָט מען אָפּגעוואַרט מיט האַרצקלאַפּונג די מינוט, אַז די טויבן זאָלן זיך פֿאַרשטיין און צוזאַמען אַרײַנפֿליִען אין נאָטעס פּאַרטיע אַרײַן.

דאָ איז צוגעגאַנגען אַ שייגעץ פֿון דעם בעקערס קאָמפּאַניע און האָט אַ שטיין געוואָרפֿן אויפֿן דאַך אַרויף, און די טויבן זײַנען זיך צעפֿלויגן.

מער האָט מען שוין נישט געדאַרפֿט.

אַ יונג איז פֿון נאָטעס קאָמפּאַניע צוגעלאָפֿן און האָט דעם שייגעץ מיטן שטעקן איבער די פֿיס געגעבן. דער שייגעץ האָט זיך אויף דר׳ערד אַנידערגעלייגט און אָנגעהויבן צו שרײַען. עס זײַנען צו דעם בעקערס קאָמפּאַניע מיט די שטעקנס און עס האָט זיך געמאַכט אַ מלחמה, אַז גאָט זאָל אָפּהיטן. מען האָט מער נישט געזען נאָר שטעקנס איבער די קעפּ פֿליִען; דאָ איז אַ שייגעץ, דאָ איז אַ יונג געלעגן אויף דער ערד, מיט אַ צעבלוטיקטן פּנים. עס איז געקומען צו לויפֿן פֿון שעכטהויז דער בלינדער לייב מיט אַ דישעל אין דער האַנט און האָט געפֿאָכעט איבער די קעפּ. נאָטע האָט געכאַפּט דעם בעקער פֿאַר די קלאַפּעס, מיט איין האַנט פֿאַר די קלאַפּעס צוגעהאַלטן, אַז ער זאָל נישט קאָנען אַנטלויפֿן, און מיט דער צווייטער האַנט אין פּנים געטיילט מיט דער הוילער פֿויסט הינטער

at war. Notte would release his pigeons, and the baker his; sometimes one side would take a pigeon from the other—a hen from one flock would come to court a cock from the other flock, trying to get him to accompany her to her home.

It was just such occasions that the gang lived for. For Notte had his gang of Jewish and gentile boys who spent the night in his house; just as the baker had his own gang of gentile baker boys. When one side won a pigeon from the other, it was as jubilant as if it had conquered the world, while the losers went about downcast, meditating revenge. This led to vicious brawls between the rival gangs, brawls from which God preserve us!

2.

It was a Friday afternoon in the summer. Reb Israel had just returned from the road. Casimir, the stable boy, led the horse to the pump to drink. Josephine removed the things from the carriage, including a goose, a turkey, and a bagful of fish that Reb Israel had bought on the way for the Sabbath. Suddenly one of Notte's boys rushed into the courtyard, stuck two fingers between his lips, and let out an ear-piercing whistle.

"What's the matter, you bastard?" said Notte, coming into the courtyard with Bashke.

"The baker let his pigeons loose. His entire flock* is perched on a roof near the city hall."

In two leaps Notte was in the attic: he opened his pigeon cote and let out the pigeons.

With his crop in his hand, surrounded by his gang, Notte went into the street. Across the market square stood the baker and his gang, armed with sticks; overhead, high in the clouds, the pigeons hovered, fluttering their light wings, in two separate flocks. One flock flew into the other, and the two mingled for a short time, then separated again, swooping down to the market square or soaring upward. After circling above the market several times the pigeons settled on the roofs. High on one roof perched an isolated pigeon, as if cast out by his companions. A hen from Notte's flock flew up to him, and the two birds began to whisper. Notte's gang waited with baited breath for the moment when the pigeons would come to an understanding and fly together to Notte's attic.

Suddenly one of the baker's gang hurled a stone at the pigeons, which flew away. That was the signal for hell to break loose. One of Notte's boys went up to the offender and smacked him across the legs with his stick. The gentile boy fell to the ground, screaming. The baker's gang charged with sticks, and a vicious battle began. All you could see were sticks flying in the air and coming down on heads; Jewish and gentile boys lay on the ground with blood on their faces. The blind Leib came running from the slaughterhouse with a shaft in his hand, whirling it above the crowd.

Notte grabbed the baker, held his lapels with one hand to prevent him from running away, and with the other hand smashed into his face, his ribs, his stomach—each blow resounded loudly—and he kept pounding with his bare fist until his victim went down. All this time

די באָקעס, אין דער לעבער אַרײַן. יעדער זעץ האָט אָפּגעקלונגען אונטער דער האַנט, ביז דער בעקער האָט זיך אויף דער ערד אָנידערגעלייגט. און איבער די קעפּ זײַנען אַלץ געפֿלויגן די קופּעס טויבן, איין קופּע איז אין דער צווייטער אַרײַן, ווי זיי וואָלטן געוווּסט, אַז איבער זיי הרגעט מען זיך, האָבן זיי מיט די פֿליגלען צוגעקלאַפּט, איבער די קעפּ פֿליִענדיק, און דאָ האָבן זיי זיך אין טיפֿן הימל אַרײַנגעלאָזט...

פֿאַרטיק געמאַכט דעם בעקער, אַז ער האָט זיך שוין פֿון אָרט נישט געקאָנט רירן, זײַנען די יונגען זיך צעגאַנגען, זען וואָס עס וועט ווײַטער זײַן.

גאָט האָט געהאָלפֿן, און די טויבן האָבן זיך איינע די אַנדערע פֿאַרשטאַנען און די „זי" האָט אַרײַנגענאַרט דעם „ער" אין נאָטעס טויבנשלאַק.

בײַ נאָטען אין דער קאָמפּאַניע איז געווען אַזאַ שמחה, אַז עס גייט שוין נישט ווײַטער. דערפֿאַר בײַם בעקער האָט מען געקלערט נקמה צו נעמען.

דעם פֿרײַטיק־צו־נאַכטס האָט זיך דער בעקער אַרויפֿגעגנבֿעט אין שפּײַכלער אַרויף צו ר' ישׂראלן, ווו נאָטעס טויבנשלאַק איז, האָט צוגעכאַפּט זיך צו די טויבן און אָנגעהויבן צו שטיקן איינע נאָך דער צווייטער.

דאָס איז אָבער געווען אַ צו גרויסע אײַנשטעלונג. די טויבן, דערפֿילנדיק אַ פֿרעמדע האַנט צווישן זיך, האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די פֿליגלען און צו פֿליִען פֿון איין עק טויבנשלאַק צום צווייטן, און צו מרוקען מיט די מײַלער. די יוזעפֿע, וואָס שלאָפֿט אין שטוב הינטער דעם טויבנשלאַק, איז פֿלינק אַרײַן, אָנגעכאַפּט נאָטען בײַ די האָר:

— פּאַנישאַ, עס איז ווער בײַם טויבנשלאַק.

נאָטע האָט געכאַפּט אַ שטיק אײַזן, וואָס ליגט בײַ אים תּמיד בײַם בעט און איז אַרויף מיט דעם אין שפּײַכלער אַרײַן.

אַרײַנלויפֿנדיק אין שפּײַכלער, האָט ער באַלד באַקומען אַ פּלעם מיט עפּעס איבערן קאָפּ, אַז פֿונקען זײַנען אים פֿון די אויגן געגאַנגען. ער האָט אָבער אויף דעם נישט געקוקט. דערטאַפּט דעם בחור, האָט נאָטע אים קודם־כּל דעם מויל פֿאַרשטאָפּט, אַז ער זאָל נישט קאָנען שרײַען, און אַזוי געהרגעט איבערן קאָפּ, אונטערן האַרצן, אַז ער האָט שוין אַליין דערפֿילט, עס איז גענוג. דערנאָך האָט נאָטע אים אָנגענומען פֿאַרן קאָפּ, אַראָפּגעשלעפּט אים פֿון שפּײַכלער און פֿאַר זײַן טיר אים אַוועקגעטראָגן...

*

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען נאָטען גענומען און אַרײַנגעזעצט אין וואַך. נאָר אַזוי פֿלינק נעמט מען שוין אַזאַ יונג? דעם סטאַרשי־סטראַזשניק [11], וועלכער איז געקומען נאָך אים, האָט די יוזעפֿע אַרײַנגענאַרט אין שטאַל, — זי האָט אים עפּעס צו זאָגן... מיט דער יוזעפֿע איז דער סטאַרשע־סטראַזשניק זייער גערן געגאַנגען. אין דער פֿינצטערער שטאַל האָבן אָבער אים אָפּגעוואַרט חבֿרה־לײַט און אַזוי מיט אים בלק געלערנט, אַז ער האָט שוין דאָס צווייטע מאָל נישט געקאָנט קומען נאָך נאָטען. די שטאָט האָט אָנגעהויבן מורא צו קריגן. מען האָט געזאָגט פֿאַרשיידענע זאַכן... נאָטע דרייט זיך אין גאַס אַרום מיט דער בלײַענער בײַטש אין דער האַנט און מיט דער באַשקע, וואָס לויפֿט אים נאָך. עס זײַנען אָבער אים באַפֿאַלן דרײַ וועכטערס מיט די צוויי סטראַזשניקעס, וואָס זײַנען אין דער שטאָט און האָבן אים אָפּגעפֿירט אין וואַך.

דערווײַל איז דער בעקער געשטאָרבן פֿון די קלעפּ, וואָס ער האָט אונטערן האַרצן באַקומען. די שטאָט האָט וואָס אַ מאָל מער אָנגעהויבן לעבן אין אימה. פֿאַרשיידענע מעשׂיות האָט מען דערציילט, אַז דאָ נעמען זיך פּויערים צוזאַמען, דאָרט נעמט מען זיך צוזאַמען. יחיאל דאָרפֿסגייער האָט אין בית־המדרש דערציילט, אַז אַ פּויערטע אויפֿן דאָרף האָט אים געהייסן אין אַ שפּיגל אַרײַנקוקן,

the pigeons were flying above them, one flock into the other, as if they knew that the fight was about them. They flapped their wings as they swooped down close to the combatants' heads, and then they soared into the sky.

With the baker out of the way the gangs separated, waiting for what would happen next. With the help of God the two pigeons had reached an agreement: the hen lured the cock into Notte's pigeon cote.

Notte's boys were beside themselves with joy. But the baker's gang laid plans for revenge.

That Friday night the baker sneaked into Reb Israel's attic, made his way to the pigeons, and proceeded to strangle one after the other. But he had miscalculated his chances. The pigeons, sensing a stranger among them, flapped their wings and flew from one end of the attic to the other, clucking loudly.

Josephine, who slept in a room under the attic, ran to Notte and pulled him by his hair. "Master, someone's in the pigeon cote!"

Notte grabbed an iron bar—there was always one lying next to his bed—and went upstairs.

As he rushed into the attic something struck his head so hard that he saw stars, but he took no notice and got hold of the intruder. Notte held the man's mouth to stifle his cries, and he hit him over the head and in the chest until he felt it was enough. Then he took him by the head, dragged him down the stairs, and deposited him in front of his own house.

A few days later Notte was taken to jail. But it is no easy thing to arrest a fellow like Notte. When the police officer came for him Josephine asked him to go with her to the stable under the pretext that she wanted to tell him something. He went quite willingly, but the boys were waiting for him in the dark and gave him such a thrashing that he was in no condition to return for Notte. Alarming rumors began to circulate in the town. It was said that Notte was going about the streets with his leaded crop, Bashke following him. Then he was caught by three jail guards and the two police officers stationed in the town and taken to jail.

In the meantime the baker died. The town lived in ever-growing fear. Various stories were told about peasants gathering here and there. Yechiel, the village peddler, reported in the synagogue that a peasant woman in a village had asked him to look into a mirror; he

האָט ער דאָרט דערזען דעם רבֿס קאָפּ, האָט אים די פּויערטע געזאָגט, אַז זי האָט אַ כּישוף אָנגעמאַכט. מען האָט אָנגעהויבן צו דערציילן מעשׂיות פֿון עלילת־דם. פֿון די אַרומיקע דערפֿער האָט מען געהערט, אַז מען איז בײַ נאַכט די מילכיקערס באַפֿאַלן און אַלץ בײַ זיי אַוועקגערויבט. די שטאָט איז זיך צוזאַמענגעקומען בײַם רבֿ; מען האָט גוזר תּענית געווען. די נגידים זײַנען זיך צעפֿאָרן. אין שולגעסל האָט עס אויסגעזען, ווי דער טויט וואָלט מיט שוואַרצע פֿליגלען איבערן געסל דורכגעשפּאַצירט... אין בית־המדרש האָבן אַ גאַנצן טאָג ליכט געברענט און ייִדן האָבן תּהילים געזאָגט. מוטערס זײַנען אַרויפֿגעפֿאַלן אויף זייערע חדרים־קינדער אין מיטן שיינעם טאָג און גענומען זיי קושן און וויינען איבער זייער יונג לעבן... תּנאָים, חתונות האָט מען אָפּגעלייגט אויף „דערנאָך", אַז עס וועט „אַריבערגיין בשלום". ייִדן שומרים האָבן זיך בײַ נאַכט אין די גאַסן אַרומגעדרייט מיט גראָבע שטעקנס היטן; תּהילים־זאָגערס זײַנען אויף געווען גאַנצע נעכט אין בית־המדרש און האָבן תּהילים געזאָגט.

נאָטע האָט אַרויסגעקוקט פֿון די קליינע שטאַכעטן, וואָס זײַנען אין דעם וואַך־פֿענצטערל, וואָס גייט אין מאַרק אַרויס. יעדן פֿרימאָרגן האָט אים די יוזעפֿע דעם בולאַן פֿאַר דעם וואַך־פֿענצטערל דורכגעפֿירט, און געוויזן אים, אַז ער איז ריין אויסגעפּוצט. באַשקע מיטן הונט באָרעק זײַנען אַ גאַנצן טאָג פֿאַרן פֿענצטערל געלעגן און זייער באַלעבאָס האָט צו זיי דורך די שטאַכעטן גערעדט. און „קאָמפּאַניע" האָט אים געמוזט יעדן טאָג די טויבן פֿאַר די שטאַכעטן דורכטרײַבן און ער האָט דורכן וואַך־פֿענצטערל קאָמאַנדירט, וואָס מען דאַרף טאָן.

אין דער שטאָט האָט מען זיך וואָס אַ מאָל מער געשראָקן. מענטשן זײַנען אַרומגעגאַנגען ווי די שאָטנס. די שטאָט־גויים, וואָס לעבן אַ גאַנץ יאָר מיט ייִדן צוזאַמען, האָבן אָנגעהויבן אויף ייִדן אָן אימה אַרויפֿצווואַרפֿן. דער וואַסער־טרעגער, וואָס טראָגט אַ גאַנץ יאָר וואַסער אין ייִדישע הײַזער, האָט געזאָלט זאָגן צו אַ ייִדן, אַז עס וועט קומען דער מאַרק יאָהאַנע[12], וועט ער זיך נעמען צו מאָשקאָווסקיס הויז. דער ליכטצינדער פֿון דער שול וועט ווערן דאָזאָר איבער ייִדן און דער בית־הקבֿרות־גוי וועט נאַטשאַלניק ווערן, און ייִדן וועלן אים מוזן מס צאָלן... ייִדן האָבן די מעשׂיות אויסגעהערט און זײַנען אויסגעגאַנגען פֿאַר שרעק. מיידלעך האָט מען פֿון דער היים אַרויסגעשיקט. מען האָט אויסגעזוכט פֿאַרבאָרגענע מומעס און פֿעטערס אין דער פֿרעמד און דאָרט אַהין די קינדער אַרויסגעשיקט. און די שולגאַס האָט זיך צוגעגרייט: גאָט, מיר זײַנען אונטער דײַן האַנט, טו מיט אונדז אַזוי ווי דו פֿאַרשטייסט!...

דאָס קוילער־געסל איז רויִק געווען. עס האָט זיך פֿון קיין שום זאַך נישט וויסן געמאַכט. האָבן זיי געטראָפֿן אַ ייִדן פֿון שולגעסל מיט אַ תּשעה־באָבֿדיקער נאָז, האָבן זיי אים געפֿרעגט: „זאָג נאָר, העכט אײַנער, האָסט דיר שוין אָנגעגרייט דעם מעבֿר יבוק[13] אין דער היים?"

געזאָגט האָט מען, אַז דער יום־הדין וועט זײַן אין טאָג פֿון יאָהאַנע־יאַריד.

יאָהאַנע איז איינער פֿון די גרעסטע יאַרידן אין שטעטל. נאָכן שניט קומען פּויערים דאָס ערשטע מאָל אין שטאָט אַרײַן. די שײַערס זײַנען פֿול מיט תּבֿואה; דאָס פֿעלד — פֿול מיט קאַרטאָפֿל און קרויט. דעמאָלט קומט דער פּויער אין שטאָט אויפֿן יאַריד מיטן ווײַב און קינדער, קויפֿן זיי מתּנות. ער פֿאַרקויפֿט די פֿי, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעהאָדעוועט, און קויפֿט „יונגוואַרג" אײַן צום פֿיטערן אויף די אָפּגעשניטענע פֿעלדער. מען טרעפֿט זיך אויפֿן יאַריד מיט „קומעס"[14], מען פֿרעגט זיך אויס אויף דעם הײַ־יאָריקן שניט און מען גייט צוזאַמען מאַכן אַ שנעפּסל. און אויף דעם טאָג, וואָס ייִדן פֿלעגן יעדעס יאָר וואַרטן מיט אַזוי פֿיל האָפֿענונג אויף פּרנסה, האָבן זיי דאָס יאָר געוואַרט מיט טויט־האַרצשרעק און געווונטשן זיך, אַז ער זאָל ווי צום גיכסטן אַריבער.

*

had seen the rabbi's head there, whereupon the woman had said that she had cast a spell. There were rumors of ritual murder, and reports came from neighboring villages that Jewish dairymen had been held up and robbed of everything. A town meeting was called in the rabbi's house and a day of fasting was decreed. The well-to-do Jews left town. The street of the scholars looked as if Death had swept it with his black wings. In the House of Study candles burned all day and Jews recited Psalms; the Psalm-readers stayed up all night. Mothers would suddenly grab their children coming home from school and hug them and lament over their young lives. Betrothals and weddings were postponed till "after"—when things would calm down. Jewish guards armed with heavy sticks patrolled the streets after dark.

Notte looked out from behind the tiny bars in the cell window giving on the market square. Each morning Josephine led his horse in front of the jail to show him that it was well groomed. All day Bashke and the dog Burek lay outside his window, and their master spoke to them through the bars. And each day his gang had to drive his pigeons past the jail, and Notte from behind the bars gave orders to his boys, telling them what was to be done.

The town was more and more in the grip of fear. The Jews went about looking like ghosts. Gentiles of the town with whom they associated the year round terrified them. The water carrier who supplied Jewish houses was said to have told a Jew that on St. John's Day they would go for Moshkowski's house. The synagogue candlelighter would become supervisor over the Jews; the gentile attendant at the graveyard would become governor and the Jews would have to pay him tribute. The Jews listened to these tales, and their hearts sank. Young children and girls were sent away from home, to stay with forgotten aunts and uncles discovered in other towns. The street of the scholars prepared for the worst. "God, we are under Thy protection, Thy will be done!"

Kola Street was calm, ignoring the whole thing. When one of them met a Jew from the street of the scholars walking with a gloomy face, he would say, "Hey, bigwig, have you prepared your mousehole at home?"

It was said that the day of judgment would be on St. John's Day. That is the day of one of the biggest fairs, when the peasants come to town for the first time after the harvest. Then the barns are full of grain, and potatoes and cabbages are piled high in the fields. The peasant comes to the fair with wife and children to buy them gifts. He sells the grown cattle and buys young ones to graze on the stubble. At the fair he meets his cronies, discusses the year's harvest with them, and then they all go to have a drink.

And that day to which the Jews had always looked forward with so much hope of good business, this year filled their hearts with terror, and they longed for it to be over as soon as possible.

3· שטאָט-גוים
1. וואַסער-טרעגער
2. ליכטצינדער
3. בית-הקברות-גוי

אַז עס איז אָנגעקומען דער טאָג, האָבן ייִדן זיך געאײַלט גאַנץ פֿרי אין בית־המדרש אַרײַן און געשטעלט זיך דאַווענען. דער רבֿ איז געשטאַנען פֿאַרן עמוד ווי צו נעילה און אין שול איז געוואָרן אַזאַ געוויין, ווי צו ונתנה תוקף. נאָכן דאַווענען איז דער רבֿ אַרויף צום אָרון, אויפֿגעעפֿנט דאָס אָרון און בציבור אָפּגעזאָגט ווידוי. ער — אַ פּסוק, די עדה — אַ פּסוק. פֿאַרן אַהיימגיין האָט זיך איינער מיטן צווייטן געזעגנט און געווּנטשן זיך, אַז מען זאָל זיך מאָרגן זען ווײַטער...

דערווײַל האָבן זיך פֿויערשע פֿורן געהערט פֿאָרן איבער דער שטאָטבריק. פֿורן זײַנען אויפֿן מאַרק אָנגעקומען. יעדער פֿורגערויש האָט אין ייִדישע הערצער מיט טויט אָפּגעקלאַפּט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס פֿאָרן פֿון די פֿורן איז הײַנט גאָר אַנדערש. דאָס גיין פֿון די פֿויערים און פֿויערטעס איז הײַנט גאָר אַנדערש...

דער טאָג איז דערווײַל געגאַנגען אָט ווי גאָר נישט. די פֿויערים האָבן דאָס זייעריקע פֿאַרקויפֿט, געדונגען זיך, צום סוף נאָכגעגעבן און האָבן געקויפֿט דאָס, וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט.

אין אָנהייב זײַנען די ייִדישע געוועלבער געווען פֿאַרמאַכט. אַ פֿויער האָט הערינג געזוכט צו קויפֿן, האָט אַ הערינג־ייִדענע דאָס הערינג־געוועלבל אויף דערווײַל אויפֿגעעפֿנט און דעם פֿויער די הערינג פֿאַרקויפֿט. דערנאָך איז אַ צווייטער פֿויער געקומען, און אַ דריטער... אַז דער קרעמער פֿון אַנטקעגן האָט געזען, אַז יענער האַלט אָפֿן, האָט ער אויך אויפֿגעעפֿנט זײַן געוועלב. אַזוי האָבן זיך איינציקווײַז די געוועלבער אויפֿגעעפֿנט... דער טאָג האָט אָנגעהויבן דורכצוגיין ווי אין די פֿריִערדיקע מערק. ייִדן זײַנען בײַ זיך שטאַרקער געוואָרן און מער מוט געקראָגן מיט די פֿויערים צו דינגען זיך... פּלוצעם איז אַ יונג אָנגעקומען צו לויפֿן פֿון פֿערדמאַרק:

— גוואַלד, מען הרגעט ייִדן!...

אין איין מינוט זײַנען די געוועלבלעך געוואָרן פֿאַרמאַכט. די לאָדנס איבער די פֿענצטער פֿאַרהאַקט און די טירן פֿון די הײַזער צוגעמאַכט. ווײַבער, ייִדן האָבן געכאַפּט, וואָס זיי האָבן אונטער די הענט געטראָפֿן: אַ קינד, אַ לאָמפּ, אַ טיש, אַ דעק און זײַנען געלאָפֿן ווי פֿון אַ שׂרפֿה, נאָר באַלד זיך אָפּגעשטעלט, נישט וואָרטנדיק וווהין... הינטער די בעטן אַרונטערגעקראָכן... געלעגן אַ מינוט... ניין... אַרויסגעקראָכן, אָפּגערוקט די שאַנק און אַרונטער הינטער דער שאַנק... אַרויס... אַרויף אויפֿן בוידעם. ווער עס איז אַרײַנגעקראָכן אין קעלער, ווער עס האָט זיך אויף דעם אויוון אַרויפֿגעכאַפּט. קינדער האָבן געוויינט, מאַמעס האָבן זיי די מײַלער מיט די קישנס פֿאַרשטעלט, אַז מען זאָל נישט הערן זייער געוויין אין דרויסן... פֿון דרויסן האָט זיך ווער דאָס דערשלאָגן. ער איז אָנגעקומען צו לויפֿן און געהאַקט אין דער טיר און געבעטן זיך, אַז מען זאָל אים אַרײַנלאָזן. פֿרעמדע מענטשן האָבן זיך אין פֿרעמדע שטיבער געפֿונען. ווער עס איז בײַ דער טיר געשטאַנען, דער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט. פֿרעמדע טאַטעס האָבן געקרעכצט: וווּ זײַנען זייערע קינדער איצט? און האָבן פֿרעמדע קינדער צו זייערע הערצער געדריקט...

אין קוילער־געסל האָט מען אויך דערהערט: מען הרגעט. איז אַרויס פֿון די יאַטקעס הערשעלע קאָזאַק און האָט געכאַפּט אַ זאַק, אַרײַנגעוואָרפֿן אין אים דרײַ צענפֿונטיקע געוויכטן, צוגעבונדן און אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דעם אַקסל.

— קומט, ברידער!

נאָך אים האָט זיך געגעבן אַ לאָז דאָס קוילער־געסל — די קצבֿים מיט די העק און די קלינגען. די פֿורמאַנעס האָבן די דישלען פֿון די וועגענער אַרויסגעריסן. די פֿישערס האָבן געכאַפּט די קאָסאַקעס[15], מיט וועלכע זיי שלעפּן די קאַסטנס פֿיש פֿון וואַסער אַרויס, די פֿערדהענדלערס אויף די פֿערד מיט די שטאָלענע בײַטשן זײַנען אַרויס אויפֿן פֿערדמאַרק.

דאָס גרויסע, ברייטע פּלאַץ, פֿון וועלכן עס שיידן זיך צוויי וועגן אָפּ, איז פֿול געווען מיט פֿורן, פֿורן און פֿורן, וועלכע האָבן געטיקט[16] און פֿאַרלוירן זיך אין פֿערד, אָקסן, מענטשן און חזירים.

When the day came Jews hurried to the synagogue early in the morning and began to pray. The rabbi stood at the lectern, and the entire congregation burst out weeping, as though it were the concluding prayer of Yom Kippur. After the service the rabbi opened the Holy Ark, and all the worshipers together recited the confession of sins which is usually said at the deathbed. The rabbi recited a verse, and then the congregation recited a verse. Before going home they said farewell to one another and voiced their hope that they would be alive to meet again on the morrow.

All this time they could hear peasant carts rolling over the bridge.

Carts arrived at the market square, and each sound of a cart was like Death knocking at Jewish hearts. It was as though the carts were rolling differently today, as though the peasants and their women were walking differently.

For a time the day wore on as usual. The peasants sold their wares, bargained hard about the price, gave in at the end, and then bought what they needed.

At first the Jewish stores remained closed. A peasant wanted to buy some herring, so a herring woman opened her stand just to sell him herring; but then a second peasant came, and a third one. When the storekeeper across the street saw a store open, he opened his too, and one after another all the stores opened. The day began to resemble all market days. The Jews regained confidence and held their ground more firmly when bargaining with the peasants. Then suddenly a boy came running from the horse market, crying, "Help, they're beating Jews!"

In no time all stores were closed, shutters down, doors locked. Men and women grabbed whatever was at hand—a baby, a lamp, a table, a blanket—and ran as though from a fire, but soon stopped, not knowing where to go. They crawled under their beds, lay there awhile, then thought better of it, crawled out, shoved aside wardrobes, hid behind them, then out again, and up to the attics. Some scrambled into cellars, some climbed up on stoves. Children cried, and mothers silenced them with pillows. Stragglers knocked at doors, begging to be let in; people sought shelter in strange houses, entering the first door they found open. Stranded fathers groaned over their children and pressed other people's children to their hearts.

When the news that Jews were being attacked reached Kola Street, Hershele Cossack ran out of his butcher shop, grabbed a bag, threw into it three ten-pound weights, and slung it over his shoulder. Come on, brothers! And all of Kola Street surged after him—butchers with cleavers and knives, teamsters with shafts from their carts, fishermen with grappling irons, horse-dealers with steel whips on their horses—all of them streamed to the horse market.

The big square at the intersection of the two roads was teeming with carts, carts, carts, which were surrounded on all sides and lost in a mass of horses, oxen, people, and pigs. It was a scene of many colors, and resounding with many cries. Drunken peasants with clubs in their hands were chasing Jews in long caftans, who were jumping frantically over carts, horses, and people. The horrible scream of a man leaping over a wagon and shouting desperately for help mingled with the

דאָס אַלץ האָט זיך פֿאַרשיידנפֿאַרביק געמאָלט און פֿאַרשיידענע געשרייען געלאָזט פֿון זיך הערן. שיכּורע פּויערים מיט שטעקנס אין די הענט האָבן געיאָגט אַנטלאָפֿענע ייִדן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, וועלכע זײַנען געשפּרונגען ווי די פֿאַרסמטע איבער וועגענער, פֿערד און מענטשן. דאָ האָט זיך געהערט אַ שרעקלעך געשריי פֿון אַ מענטשן, אַריבערשפּרינגענדיק איבער אַ פֿור און רופֿנדיק ווילד נאָך רעטונג, אויסגעמישט מיט אַ ווילד אויפֿגערייצטן שיכּוריש געלעכטער. פֿערד האָבן זיך צעבריקעוועט און הינטער זייערע פֿיס זײַנען געלעגן מענטשן, האָבן געקוויטשעט חזירים. איבער די קעפּ זײַנען שטעקנס געפֿלויגן, שטיינערנע טעפּ, היטלען. דערשראָקענע גענדז און הינער

זײַנען בײַ די פֿורן געפֿלויגן פֿאַרשיידן קוויטשענדיק. זייערע פֿעדערן האָבן זיך פֿון זייערע צעפּלאָשעטע [1] פֿליגלען אויסגעריסן און געפֿלויגן אין דער לופֿטן. אומעטום האָבן זיך געזען, ווי עס לויפֿן ייִדן מיט שוואַרצע קאַפּאָטעס אויף אַלע פֿיר זײַטן מיט שרעקלעכע גוואַלדן...

דאָ האָט זיך אין דער מהומה געגעבן אַ לאָז אַרײַן דאָס קוילער־געסל, ווי אַ שטראָם גליִענדיק שטאָל אין טיפֿן קאַלטן ים אַרײַן. כּען האַלט זיך שוין בײַ די קעפּ. שטיקער שטאָל, אײַזן קנעטן זיך אין מענטשנס לײַבער אַרײַן. בלוט רינט איבער די אויגן, קאַפּאָטעס, פֿורן און רעדער... מען זעט נישט וואָס, ווען. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט. פֿערד אויף מענטשן, מענטשן אויף פֿערד. אַ פּויערטע שלעפּט, באַגאָסן מיט בלוט, איר צעהרגעטן מאַן און ער שלאָגט איר אין בויך אַרײַן און רײַסט זיך פֿון אירע הענט אַרויס. קליינע קינדער שלעפּן מאַמעס בײַ די פּאָלעס. די טאַטעס טרײַבן פֿון זיך די קינדער און מיט פֿאַרביסענע ליפּן און מיט בלוט־אַרויסגעזעצטע אויגן דריקן זיי זיך אין דער מהומה אַרײַן. און אין דער מהומה דאָ איז נישט געווען קיין מלחמה. איינער דעם צווייטן גובֿר צו זײַן. אַלע האָבן זיך אויסגעמישט. אַ כאָלערע איז אַרײַנגעפֿאַלן אין זיי. איינער האָט דעם צווייטן די פֿויסט אין פּיסק אַרײַנגעשטעקט און בײַ דער צונג געריסן, די גרגרת בײַם גאַרגל אָנגענומען און די נשמה אים אַרויסגעריסן... צוויי האָבן זיך אָנגענומען און האָבן זיך צוגעקוועטשט צו אַ וואָגן און איינער האָט אין דעם צווייטנס ברוסט, בויך מיט די פֿויסטן זיך אײַנגעקנאָטן, מיט די ציין זיך אַרײַנגעביסן... דאָ האָט נישט געוואָלט איינער דעם צווייטן גובֿר זײַן. די אײַנגעשלאָפֿענע חיה האָט זיך אין די מענטשן דערוועקט. אַלע צוזאַמען אויסגעמישט האָבן זיך פֿאַרן הימל און גאָט, און איינער דעם צווייטן לעבעדיקערהייט געגעסן...

— 3 —

נאָטע האָט דעם גאַנצן טאָג פֿון וואַך־פֿענצטערל אַרויסגעקוקט. אים האָט נישט חרטה געטאָן אויף דער חתונה, וואָס ער האָט דאָ אָנגעמאַכט — ער איז נישט פֿון די מענטשן, וואָס האָבן חרטה. ער האָט אָפּגעוואַרט די מינוט, ווען עס זאָל זיך אָנהייבן. ער האָט זיך קיין פּלאַן נישט געמאַכט, ווי אַרום ער זאָל זיך אַרויסקריגן. נישט געקלערט פֿון דעם — ער איז נישט פֿון די מענטשן, וואָס מאַכן זיך פּלענער. אַז עס קומט — צעפֿלאַמט עס זיך, צעברעכט און גייט אַרויס ווי אַ דונער!

אין דעם האָט ער דערזען, ווי מען הייבט־אָן צו לויפֿן איבערן מאַרק פֿון פֿערדפּלאַץ. אַ יונג לויפֿט מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ. ווײַבער לויפֿן־אַרום איבערן מאַרק און נעמען די קינדער. די געוועלבער פֿאַרהאַקן זיך. ער האָט דערפֿילט, אַז עס מאַכט זיך עפּעס. אַ שטראָם בלוט איז אים אַרונטער בײַם האַרצן און אָנגעפֿולט אים די הענט מיט די פֿיס. ער האָט פֿאַרביסן די ליפּן. די אויגן האָבן זיך אים געגעבן אַ זעץ־אַרויס מיט בלוט. ער האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אויף דער טיר. די טיר — כאָטש פֿון אַ קליינשטעטלדיקער וואַך — דאָך גענוג שטאַרק פֿאַר אַ מענטשלעכע האַנט. האָט ער געגעבן אַ כאַפּ פֿאַר די שטאַכעטן פֿון פֿענצטער — כאָטש זיי בייגן זיך הינטער זײַנע הענט, דאָך גענוג פֿעסט זײַנען זיי אײַנגעמויערט אין דער וואַנט. האָט ער געגעבן אַ נעם פֿאַרן טאַפּטשאַן [1] און אַ זעץ אין אויוון, האָבן זיך אין איין מינוט ברעט מיט ציגל צוזאַמענגעמישט. ווי אַ דונער, וואָס מען וואָלט אין שטוב אײַנגעשלאָסן, האָט

wild laughter of a drunk. Horses reared and kicked, and under their hoofs people were rolling on the ground, and pigs were squealing. Sticks, earthenware, caps, were flying over people's heads. Frightened geese and chickens flitted around the carts, cackling and squawking, filling the air with feathers from their disheveled wings. Everywhere Jews in black caftans were darting in all directions, shrieking with terror.

Like a stream of glowing steel pouring into the deep cold sea, Kola Street plunged into the fray. In a minute the battle was joined. Bars of steel and iron slammed into human bodies, blood ran into eyes, down caftans, over carts and wheels. You couldn't see what or when; all was confusion, horses on top of men, men on top of horses. A bleeding peasant woman dragged her wounded husband while he kept punching her in the belly, trying to wrench himself free from her hands. Little children clung to their mothers' skirts. Fathers shoved their children away from them, and with tight lips and bloodshot eyes pressed into the melee. One man thrust his fist into another's mouth, trying to pull his tongue out, and then took him by the throat and strangled him to death. Two men set upon each other, got squeezed against a cart, and one of them smashed hard fists into his chest and stomach and bit him with his teeth. No one was fighting for any definite reason; all were seized by the same frenzy; the beast that slumbers in man was roused. They were one seething mass in the sight of heaven and God, and each was trying to eat the other alive.

elemental violence
not anti-semitic

3.

All day Notte looked out of the cell window. He did not regret the fun he had started—he was not the kind of man who is given to regrets. He had been waiting for the moment it would start. He had not formed any plan, he had not thought of how he would break out—he was not the kind of man who makes plans. For him, things had to come of their own accord, and when they did come, they burst into flame and broke forth like thunder. *

Then he caught sight of people fleeing from the horse market. A boy ran with a bleeding head, women darted across the square to get their children. Stores were being closed. His lips tightened, and with bloodshot eyes he flung himself against the door. It was only a small-town jail, but the door was too strong to be smashed by a man's fist. He shook the bars at the window, and they bent under the impact,

ער זיך געגעבן אַ וואָרף אויף די ווענט. צום סוף די הענט אין די ציין זיך געביסן, דעם קאָפּ אין די קני אײַנגעבויגן און אָנגעהויבן צו ברומען, אַז דאָס ברומען האָט זיך הינטערן באַלקן געטראָגן און אין די שטאַכעטן אָנגעקלאַפּט, אַרויסרײַסנדיק דורכן פֿענצטער.

אַזוי איז ער געלעגן אַ לענגערע צײַט, ביז עס האָט אים אַ קול פֿון הינטערן פֿענצטער גערופֿן:

— פּאַנישאַ, פּאַנישאַ!

ער האָט דורכן פֿענצטער אַרויסגעקוקט און דערזען די יוזעפֿע מיט צעלאָזענע האָר.

— ביִאָן אָיצאַ![19] — האָט זי אים אַרײַנגעשריִען און אים דורכן פֿענצטער אַן אײַזן אַרײַנדערלאַנגט.

ער האָט זיך געטאָן אַ וואָרף צו דער טיר, אַ פּאַק־אַרײַן דאָס אײַזן צווישן די קליאַמקעס, מיטן האַרץ זיך אָנגעלענט און מיט דער גאַנצער נשמה געגעבן אַ שטופּ־אָפּ: איינס, צוויי, דרײַ — און די טיר האָט זיך געגעבן מיט רעש אַ בראָך־אויף. דעם סטראַזשניק, וואָס האָט אים געפּרוּווט אין הויז צו פֿאַרכאַפּן, האָט ער געגעבן אַ פֿלעם אין פּיסק אַרײַן מיט דער פֿויסט, אַז ער האָט זיך באַלד איבערגעקוילערט און אין בלוט געבאָדן זיך. נאָטע האָט זיך אַהיימגעלאָזט צום פֿאָטער.

*

די פּויערים פֿון פֿערדמאַרק האָבן זיך געגעבן אַ לאָז צו ר׳ ישראלן:

— דאָ זשאָכלינסקעגאָ, צאָ סין זאַביל כלאָפּאַ[20]! — האָבן געשריִען די פּויערים און מיט רידלען און שפּאַדלעס[21] אין די הענט זיך געלאָזט צו ר׳ ישראלן אין הויז אַרײַן.

אַרײַן אין הויף און געשטעלט זיך פֿאַרן הויז מיט די שפּאַדלעס אין די הענט, איז אין געסל געוואָרן אַ געשריי:

— בײַ ר׳ ישראלן זײַנען זיי! — האָט דאָס קוילער־געסל געגעבן אַ גיי־אַרויס, גרויס און קליין. דער בלינדער לייב (אַ יונג, וואָס האָט געקענט אײַזן ברעכן) האָט דערטאַפּט פֿון שטאַל אַרויס אַווידלע מיט דרײַ שטאַרכעס[22] און אַרויס. דאָס קוילער־געסל האָט געגעבן אַ רינגל־אַרום דעם הויף.

— סטײַטש! — האָט ר׳ ישראל געגעבן אַ געשריי און, אַליין אַרויסשטעלנדיק זיך, איינער אַליין צווישן די פּויערים, מיטן אײַזערנעם שטעקל אין דער האַנט, מיט וועלכן ער פֿלעגט זיך אַמאָל באַניצן אויפֿן לאָדזשער וועג פֿון די לאָדזשער גנבֿים, האָט ער געגעבן אַ זאָג צו די פּויערים:

— וועמען זענט איר געקומען שלאָגן? מיך? וואָס איך האָב פֿאַר אײַך מײַן גאַנץ לעבן געאַרבעט, פֿון אײַך, הינט, דאָס פֿי אָפּגעקויפֿט, מיט געלט באַצאָלט און פֿאַר אײַך ערגעץ ווו עס קיין אויסלאַנד געפֿירט! פֿאַרשוואַרצט געוואָרן פֿון אײַערט וועגן, זומער אָפּגעברענט פֿון דער היץ, ווינטער פֿאַר קעלט און אײַך אין די קעשענעס מיט די הונדערטער אָנגעשטאָפּט?! קומט אַהער, הינט! אָט בין איך דאָ, ווײַזט מיר, ווער עס וועט זיך פּרוּוון מיך אָנרירן?!

די פּויערים האָבן שטיל געשוויגן. איינער פֿון דער חבֿרה האָט זיך אָפּגערופֿן:

— צו אײַך, זשאָכלינסקי, האָבן מיר גאָר נישט... — מיר האָבן נאָר צו דעם זון אײַערן, וואָס האָט דעם פּויער געהרגעט.

— אָט בין איך! — האָט נאָטע געגעבן אַ געשריי־אויס, אויפֿפּראַלנדיק דעם טויער פֿון הויף און אַ לויף־אַרײַן. געכאַפּט דעם ערשטן בעסטן שייגעץ בײַ די באָקעס, אויפֿגעהויבן אים אין דער הייך און אַ זעץ־אַנידער אויף דער ערד, אַז עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַק פֿון די פֿיס, וואָס האָבן געבראָכן הינטער אים... די פּויערים האָבן זיך געגעבן אַ וואָרף אויף אים ווי אַ וויכער... נאָטע אָבער האָט געכאַפּט אַ צווייטן שייגעץ בײַם קאָפּ, אויפֿגעהויבן אים אין דער הייך און מיט אים געהרגעט איבער די קעפּ... האָט זיך געגעבן אַ לאָז־אַרויס דאָס קוילער־געסל מיט די ווידלעס און אַרײַן צווישן די פּויערים.

but they were cemented firmly in the wall. He seized his pallet and banged it against the stove—in a minute bricks and boards were smashed. Like thunder imprisoned in a room, he hurled himself against the walls. In the end he dug his teeth in his hands and, crouching with his head between his knees, began to howl, and his howling rose to the ceiling and surged against the bars and went out through the window.

He crouched like that for a long time. Then a voice called from outside, "Master! Master!"

He looked up and saw Josephine, her hair streaming.

"They're after your father," she cried, ^ in Pol. handing him an iron bar through the window.

In one jump he was at the door. He thrust the iron bar behind the door handle, leaned his chest against it, and pushed with all his strength. One, two, three—the door crashed open. A guard tried to intercept him, but a punch in the jaw knocked him off his feet, and he sprawled on the floor, drenched in blood. Notte rushed home to his father.

The peasants had set out from the horse market to Reb Israel's house. "To Zychlinski's! His son killed a peasant!" they shouted, brandishing spades and rakes. (Pol.)

As they swarmed into the courtyard and stood in front of the house with their weapons cries rang out, "They're at Reb Israel's!" And all of Kola Street, young and old, went into action. The blind Leib—a giant who could snap an iron bar—grabbed a three-pronged pitchfork in the stable. Kola Street surrounded the courtyard.

"What's this?" Reb Israel cried out. Holding the iron bar he sometimes used on the Lodz road against thieves, he came out to face the peasants all by himself.

"Whom have you come to attack?" he said. "Me? I have toiled for you all my life, buying your cattle from you, you dogs, paying in hard cash and taking it to foreign places! I have sweated for you on your roads, burned for you in the summer heat, frozen for you in the winter cold, to cram your pockets with money! Come on, you dogs! Here I am! I want to see who dares to lay his hands on me!"

The peasants stood silent. Then one of them said, "We've nothing against you, Zychlinski. We're only after your son, who killed one of our people."

"Here I am!" cried Notte, throwing open the gate and rushing into the courtyard. He grabbed the nearest peasant by the sides, raised him in the air, and banged him down on the ground, so that you could hear his legs cracking under him. The others flew at him like a whirlwind. But Notte seized another peasant by the head, lifted him up in the air, and used him as a living cudgel against the others. The Kola Street crowd swept forward with their pitchforks.

19 [illegible]

20 צו זשיכלינסקין, ער'ס זון האָט דערהרגעט אַ פּויער

נאָטע איז געלעגן אויפֿן בעט טויט בלאַס. דער קאָפּ, וועלכער איז געווען פֿאַרוויקלט אין איין גרויסן באַנד, איז געלעגן אונטער אַ פּענכער מיט אײַז, די ליפּן נאָך פֿאַרביסן, און האָט שווער אָפּגעאָטעמט מיטן האַרץ. נעבן אים איז געזעסן די יוזעפֿע און האָט אים דערלאַנגט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט דערהערט אויפֿן בוידעם רירן זיך. ער האָט דערפֿילט, אַז די טויבן קלאַפּן מיט די פֿליגלען — עס האָט אים געהויבן פֿון בעט, ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט רירן. ער האָט אַראָפּגעקאָפּעט פֿון זיך די קאָלדרע און געלעגן, און אויסגעהאָרכט.

די טויבן קלאַפּן מיט די פֿליגלען. ער האָט געקוקט אויף דער יוזעפֿע און געוויזן מיטן פֿינגער אויפֿן באַלקן. די יוזעפֿע איז אַרויף אויפֿן בוידעם און האָט אים אַראָפּגעבראַכט אין אָרעם אַ פּאָר יונגע, קליינע, ערשט קוים־קוים מיט עטוואָס פּעדערן באַוואַקסענע טײַבעלעך, וואָס מען האָט ערשט פֿון זיי די מוטערס אַראָפּגענומען, און געשיקט שעכטן.

די טײַבעלעך זײַנען נאָך געווען יונגינקע. די קוים־באַפּעדערטע פֿליגעלעך האָבן געקלאַפּט און עפּעס געזוכט... די דינינקע העלדזעלעך, איבער וועלכע אַ דין, וואַרעם הײַטל איז געווען אַריבערגעצויגן איבער אַן אידל ביינדל, וואָס האָט זיך געבראָכן אין די פֿינגער, האָבן זיך אײַנגעקאָרטשעט, די קעפּלעך האָבן זיי פֿאַרבאָרגן אין די פֿליגעלעך און מיט די פֿליגעלעך געזוכט...

ער האָט זיי אין דער האַנט גענומען, די ליפּן פֿאַרביסן און מיט אַ פֿוס די שטול, וואָס איז געשטאַנען בײַם בעט, פֿון זיך אָפּגעשטויסן; די טײַבעלעך האָבן צערטלעך געציטערט אין זײַן האַנט און אַזוי רחמנותדיק עפּעס געזוכט... ער האָט זיי אונטערן העמד אַרונטערגענומען און אויף זײַן ברוסט זיי צוגעטוליעט און געוואַרעמט זיי...

די טײַבעלעך האָבן רחמנותדיק אויף זײַן ברוסט געציטערט און עפּעס געזוכט, געבעטן זיך, קלאַפּנדיק מיט די פֿליגעלעך...

ער איז בלאַסער געוואָרן אויפֿן פּנים. די אויגן האָבן זיך אים פֿאַרגלייזט און טיף באַהאַלטן זיך אים אונטערן שטערן, די נאָז האָט זיך אים אויסגעצויגן, בלייכער געוואָרן און דינער, און די ליפּן — ווי זיי וואָלטן פֿאַרקרעמפּלט געוואָרן איינע אויף דער צווייטער...

אין שטוב איז שטילער געוואָרן. אַ לײַכטער ווינט האָט אויף די שויבן געציטערט. אַלע האָבן זיך אַרויסגערוקט פֿון דער שטוב און איבערגעלאָזט דאָס הויז אַליין פֿאַר דעם דונער, וואָס וועט אַרויסברעכן און אַלץ צעלייגן און פֿאַרטיליקן...

ער איז געלעגן און האָט געפֿילט, ווי די יונגע, שוואַכע טײַבעלעך ציטערן אויף זײַן ברוסט... די אויגן האָבן זיך אים אַרויסגעזעצט פֿון פּנים ווי די פֿויסטן און פֿאַרגאָסן געוואָרן אין גאַנצן מיט בלוט. און ער האָט שטיל געשוויגן.

ער האָט זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן בעט און אַרומגעקוקט זיך. דערזען פֿאַר זיך די ווייצלעך, האָט ער זיי צעקײַט מיטן מויל אויף מעל, דעם טײַבעלעס פּיסקל אין זײַן מויל אַרײַנגעשטעקט און מיט דער צונג עס צו עסן געגעבן. דאָס דינע טײַבעלעס העלדזל האָט צווישן זײַנע פֿינגער רחמנותדיק געמיאַנטשעט און מיט די פֿליגעלעך געבעטן זיך...

— גאָט! — האָט ער געגעבן אַ געשריי־אויס — געכאַפּט דאָס טײַבל, אַ דריי־אַראָפּ דאָס קעפּל (דאָס טײַבל האָט אַ קוויטש געטאָן און אַ דינער שפּראָץ בלוט האָט אים אין פּנים געשפּריצט) און אַוועקגעוואָרפֿן. דאָס דריטע טײַבל... נאָך דעם איז ער אַראָפּ פֿון בעט, געכאַפּט דעם שפּיגל, אַ זעץ געטאָן אויף דער ערד. ער איז צו צו דער שראַנק, איין וואַלע [30] צעשפּאַלטן און געוואָרפֿן אויף דער ערד. צום בעט — מיט די ציין געגעבן אַ ריס־אויף דאָס בעטגעוואַנט, און די פּעדערן זײַנען אַרויס. אַ זבענק [31] — און אײַנגעוואָרפֿן דעם טיש... געכאַפּט אַ שטול און אַ האַק אין אויוון — דער אויוון האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אויף דער ערד; צעריסן דאָס העמד אויף זיך און די הענט זיך געביסן... צום סוף האָט ער געגעבן אַ פֿאַל־אַנידער אויף דער ערד, צווישן די חרובֿדיקע זאַכן אײַנגענורעט דאָס פּנים אין דער פּאָדלאָגע און איז אײַנגעשלאָפֿן, און געשלאָפֿן לאַנג... לאַנג...

קיינער האָט נישט געוואָגט אין דער שטוב אַרײַנצוגיין און צו וועקן דעם אײַנגעשלאָפֿענעם דונער.

Notte lay on his bed, deathly pale. An icebag was placed on his head, which was wrapped in one large bandage; his lips were still clenched tight, and his chest was heaving. Josephine sat by his side, handing him whatever he asked for. He heard a noise in the attic, he heard the pigeons flapping their wings—the very thought lifted him from his bed, but he could not move. He kicked off his blanket and lay there listening.

The pigeons were flapping their wings—he looked at Josephine, pointing his finger at the ceiling.

Josephine went to the attic and came back holding in her arms three tiny fledglings, with scarcely any feathers, whose mothers had just been taken away from them to be slaughtered. They kept flapping their bald wings, looking for something. Their thin necks, with thin warm skin covering the delicate bone that could be snapped with a finger, were pulled in; their heads were hidden between their little wings, and their little wings were seeking something.

Notte took them in his hand, tightened his lips, and kicked away a chair that stood near his bed. The little birds were trembling softly in his hand, miserably seeking something. He tucked them under his shirt, held them against his bare breast, and warmed them. The fledglings quivered pitifully on his breast, begging for something, flapping their wings.

His face grew whiter. His eyes were glazed, sunk in their sockets; his nose grew longer, whiter and thinner, and his lips were pressed together so tightly that they seemed locked in a spasm.

The room was silent now. A light breeze trembled on the windowpanes. Everyone had gone out, leaving the house to the thunder that was about to break forth in a fury of destruction.

He lay there and felt the helpless little birds quivering on his breast. His eyes bulged and filled with blood. He was silent.

He sat up on his bed and looked around him. He caught sight of some grains of wheat, chewed them into flour, thrust a fledgling's bill into his mouth, and fed the bird with his tongue. The thin little neck throbbed between his fingers and the wings pleaded.

"God!" he cried out. He grabbed the fledgling, gave a twist to its head (the little bird uttered one squeak, and a thin jet of blood sputtered into his face), and threw it away. He twisted the neck of the second fledgling, and threw it away. The third fledgling . . . Then he got down from his bed, snatched the mirror, and smashed it on the floor. He went up to the wardrobe, split it open, and flung it down. He went to the bed, ripped the bedding with his teeth, and the feathers flew in the air. With one blow he bashed in the table. He grabbed a chair and flung it at the stove, and the stove crashed to the ground. He tore his shirt and bit his hands. In the end he collapsed, and, lying amid the wreckage, he pressed his face to the floor and fell asleep, and slept long . . . long . . .

No one dared enter the room to rouse the sleeping thunder.

*Translated by Norbert Guterman*